בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן
# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ
אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ל׳

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת בראשית תשפ"ג

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

• קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין זִיץ פְלֵייש

**מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַרָאפּ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### אַז מֶען וֵוייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת אִיז עֶס גְרִינְגֶער

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אִין סִפְרֵי (נָשֹׂא, פִּסְקָא א): "אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לַמְּחוּזָּקִין", דָאס מֶערְסְטֶע דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין דִי וָואס גֶעבְּן חִיזּוּק פַאר אַנְדֶערֶע. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ זִיצְן מִיט קִינְדֶער; עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ; עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן צוּ זִיצְן מִיט קִינְדֶער טָאג נָאךְ טָאג.

צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע עֲבוֹדָה, אָבֶּער אַז מֶען וֵוייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת, מֶען טְרַאכְט אַרַיין: 'עֶס אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים אִין יָאר, חֶשְׁוָן, כִּסְלֵו, טֵבֵת, שְׁבָט, מֶען הַאלְט שׁוֹין בַּיי חוֹדֶשׁ אֲדָר, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן בִּיז אַהֶער? אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיט קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה, אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט קִינְדֶער' - דֶעמָאלְט אִיז דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט גְרִינְגֶער.

### חִינוּךְ אִיז אַן אַנְדֶערֶע סָארְט דְזְשַׁאבּ

מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס זִיצְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיט נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, דַארְפְן אַסַאךְ חִיזּוּק צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז 'חִינוּךְ' אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי אַנְדֶערֶע דְזְשַׁאבְּ'ס וָואס מֶען טוּט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי בּוּךְ אוּן פַּארְטִיג, אוּן אוֹיבּ דִי בּוּךְ זָאגְט אַז יֶעצְט דַארְף מֶען נֶעמֶען אַ קִינְד אוּן אַוֶועק שִׁיקְן - וֶועט מֶען אִים אַוֶועק שִׁיקְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

הַיינְט אִיז דָא קָאמְפֶּענִי'ס וָואס לֶערְנֶען אוֹיס אִינְגֶעלַייט אוּן פְּרוֹיעֶן וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן אַ מְחַנֵּךְ אוּן מְחַנֶּכֶת, גֶעשֶׁעט אַסַאךְ מָאל אַז נָאכְ'ן זִיצְן בַּיי דִי אַכְצְן שִׁיעוּרִים, וָואס יֶעדֶע שִׁיעוּר בַּאזוּנְדֶער גֶעדוֹיעֶרְט אַ שָׁעָה, הֵייבְּט מֶען אָן פָאלְגְן וָואס דִי שִׁיעוּרִים זָאגְן אַז יֶעצְט דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג מַאכְן, יֶעצְט דַארְף מֶען שְׁרֵייעֶן אוּן יֶעצְט דַארְף מֶען פַארְשֶׁעמֶען, מֶען פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ וִוי אַ בַּאשֶׁעפֶער, אַ אִיד, אַ נְשָׁמָה אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעפִילְן.

### סְתַּם מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן קִינְדֶער

אַסַאךְ מָאל קוּמֶען מֶענְטְשְׁן אַרוֹיף אִין יְשִׁיבָה אוּן מֶען זֶעט וִוי בָּחוּרִים דְרֵייעֶן אִיבֶּער, מֶען שְׁפְּרִינְגְט, מֶען לוֹיפְט אוֹיף טִישְׁן, אוֹיבּ אִיז עֶר נִישְׁט קַיין מַגִּיד שִׁיעוּר וֶועט עֶר גְלַייךְ אָנְשְׁטֶעמְפְּלֶען דֶעם בָּחוּר אַלְס מְשׁוּגָּעְנֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים פְרֶעגְן אִינְפָארְמַאצְיֶע אוֹיף דֶעם בָּחוּר פַאר אַ שִׁידוּךְ, וֶועט עֶר גְלַייךְ עֶנְטְפֶערְן אַז עֶר וֵוייסְט אַז דֶער בָּחוּר אִיז אַ מְשׁוּגָּעְנֶער וַוייל עֶר זֶעט וִוי דֶער בָּחוּר לוֹיפְט אִיבֶּער טִישְׁן... - אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט זַיין אִין אַ יְשִׁיבָה אוּן אַ חֵדֶר, עֶר קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מַגִּיד שִׁיעוּר אוּן מְלַמֵּד.

וֶוער עֶס לִיגְט נִישְׁט אִין חִינוּךְ אוּן קוּמְט אַרַיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ קִינְדֶער קֶען וֶוערְן זֵייעֶר נֶערְוֶועז, עֶר קֶען זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוּן חַס וְשָׁלוֹם שֶׁעדִיגְן קִינְדֶער פוּן גְרוֹיס כַּעַס.

אִיךְ הָאבּ פְרִיעֶר גֶערֶעדְט אַ דְרָשָׁה פַאר דִי קִינְדֶער פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אַ קִינְד הָאט זִיךְ אִינְמִיטְן צֶעשְׁרִיגְן, וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעלִיגְן אִין חִינוּךְ?... - בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז יֶעצְט וֵוייס אִיךְ אַז דָאס זֶענֶען קִינְדֶער, דָאס זֶענֶען גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, אִיךְ בַּאשׁוּלְדִיג נִישְׁט קֵיינֶעם אַז זֵיי פִירְן זִיךְ אַזוֹי אוֹיף.

### עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט אַז דָאס זֶענֶען קִינְדֶער

אַ חֵדֶר אוּן אַ שׁוּלֶע דַארְפְן זַיין פַארְמַאכְט; עֶס קֶען נִישְׁט זַיין בְּרֵייט אָפְן אַז יֶעדֶע טַאטֶע מַאמֶע זָאל קֶענֶען אַרַיין אַרַיינְקוּמֶען וֶוען זֵיי ווִילְן. וַוייל סְתַּם עֶלְטֶערְן וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי קִינְדֶער שְׁפְּרִינְגֶען אוּן שְׁרֵייעֶן, טְרַאכְטְן זֵיי אַז דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס זֶענֶען נִישְׁט נָארְמַאל... עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט אַז דָאס זֶענֶען קִינְדֶער, אַזוֹי פִירְן זִיךְ אוֹיף גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

### דִי לַחַץ בַּיי דִי חוּמָשׁ סְעוּדוֹת

אִין אַלֶע מוֹסְדוֹת הָאבְּן דִי מְלַמְּדִים מוֹרָא'דִיגֶע לַחַץ פַאר מֶען מַאכְט אַ 'חוּמָשׁ סְעוּדָה'. אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט אִין אַ מוֹסָד, אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזֶען וָואס מֶען טוּט מִיט דִי קִינְדֶער פַאר אַ חוּמָשׁ סְעוּדָה, מֶען פַּיינִיגְט זֵיי, פָּשׁוּט כְּמַשְׁמָעוֹ, אַזוֹי וִוי מֶען טוּט מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן אַרַיין גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי אַרְמֵיי וָואס מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט פְלוּצְלִינְג, אוּן מֶען מוּז שְׁטֵיין, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט רִירְן, מֶען טָאר נִישְׁט אָטֶעמֶען.

פַארְוָואס מַאכְט מֶען אַזַא לַחַץ? וַוייל מֶען הָאט מוֹרָא פוּן דִי עֶלְטֶערְן, טָאמֶער

וועט זיך א אינגל צולאכן אינמיטן דעם מעמד אדער אוועק לויפן פון סטעידזש, און די עלטערן וועלן אראפ קוקן דעם מלמד אז ער טויגט נישט, דערפאר דערשרעקט מען די קינדער זייער שטארק, אבי דאס בילד זאל אויסקוקן גוט, אלע קינדער זאלן שטיין גראד און שיין, אלע זאלן זאגן אז 'דאס איז א מורא'דיגע חדר'...

מיר מאכן אויך חומש סעודות, אבער ברוך השם אז ביי אונז איז נישט דער עיקר די בילדער. נאך יעדע חומש סעודה האב איך אזא הנאה, איך טראכט צו מיר: 'פאר דעם אליינס האט זיך געלוינט דער 'חומש סעודה', איך זאל זען ווי די מלמדים פייניגן נישט די קינדער'. דער מלמד שטעלט ארויף אלע קינדער אויפ'ן סטעידזש, און דער קינד וויל נישט זינגען און דער קינד לויפט אראפ ווייל ער האט געטראפן זיין מאמע, דאס איז מיין נחת! עס ווערט נישט אויס חדר אויב די קינדער שטייען נישט גראד ווי סאלדאטן.

### סדום האט זיך געפירט סיסטעמאטיש

מלמדים און לערערינס דארפן וויסן אז נישט יעדעס קינד איז מסוגל צו זיצן אין א פארעם, נישט יעדער קינד קען אריין פאסן אין א סיסטעם, עס זענען דא קינדער וואס האבן נישט קיין זיץ פלייש, זיי קענען נישט זיצן צו לאנג אויף איין פלאץ, מען קען זיי נישט צווינגען אריין צו פאסן אין די סיסטעם. דאס איז נאר געווען אין סדום, סדום האט זיך געפירט סיסטעמאטיש, ווער עס האט געקענט אריין פאסן אין די סיסטעם האט מען געלאזט לעבן, די אנדערע האט מען גע'הרג'עט. מיט קינדער טאר מען זיך נישט אזוי פירן, מען נישט אוועק שטיפן קיין קינדער וואס קענען נישט אריין פאסן אין א סיסטעם.

### שטעלט דעם קינד אלס גבאי

דער מלמד דארף כאפן ווער איז דער קינד וואס האט נישט קיין זיץ פלייש און אים שטעלן אלס גבאי, אנשטאט איך זאל ארויס גיין פון כתה מאכן קאפיס, וועל איך שיקן דעם קינד וואס קען נישט איינזיצן ער זאל גיין מאכן קאפיס, און אנשטאט איך זאל זיך גיין מאכן א קאווע, וועל איך שיקן דעם קינד מאכן א קאווע.

א קינד קען לעבן דערפון א וואך צייט, 'מיין רבי האט מיך אויסגעוועלט צו מאכן קאפיס און מאכן א קאווע!'

### יעדעס קינד דארף באקומען גוטע ווערטער

פרעגט א מלמד, אויב וועלן די קינדער באמערקן אז די קינדער וואס זענען צעקלאפט, אדער זיצן נישט איין און דרייען איבער, וועלט מען אויס צו גיין מאכן קאפיס און מאכן קאווע, וועט ווערן א פראבלעם, יעדער איינער וועט וועלן נאכמאכן די קינדער, כדי אויך צו ווערן א מיחס און באקומען דזשאבס? וואס טוט מען דא?

דער ענטפער איז, דער מלמד ברב חכמתו דארף געבן פאר יעדן איינעם גוטע ווערטער וואו זיי צייכענען זיך אויס; דער קינד וואס זיין נאטור איז אז ער דאווענט שיין, דאס איז אים גרינג, ער דארף נישט ארבעטן שווער צו דאווענען שיין, קען מען דאך געבן די גאנצע אויפמערקזאמקייט פאר דעם קינד אז ער דאווענט זייער שיין, און פאר דער קינד וואס איז ווייט פון דאווענען, ער האט נישט קיין השגה אין דאווענען, קען מען נישט זאגן קיין פאלשע גוטע ווערטער: "דו דאווענסט שיין" אין די צייט וואס ער דאווענט נישט שיין, שטעלט מען אים אלס גבאי, מען זאגט אים: **"דו וועסט מיר גיין מאכן א קאווע"**.

פארוואס זאל יעצט דער קינד וואס דאווענט שיין וועלן נאכמאכן דעם אנדערן קינד, אויב ער באקומט שוין גוטע ווערטער אויף די זאכן וואס ער טוט?! דער קינד ווערט שוין זאט פון זיין גוט וואורט אויף זיין שיינע דאווענען.

דער טענה אז אלע קינדער וועלן מקנא זיין דער אינגל וואס מען שטעלט אלס גבאי - איז ריכטיג נאר אויב מען נעמט בלויז איין קינד און מען שיקט אים מאכן קאפיס, ער ווערט דער מיחס פונעם מלמד, דעמאלט ווילן אלע קינדער אים נאכמאכן, אבער פארוואס זאלסטו נישט געבן פאר יעדן קינד באזונדערע גוטע ווערטער?!

דער קינד וואס דאווענט שיין, מוז באקומען גוטע ווערטער פאר'ן דאווענען שיין, דער קינד וואס שרייבט אויסנאם שיין, מאכט מען פון דעם אן עסק "קוקט ווי שיין ער שרייבט!" [אגב, אלע קינדער זענען מקנא דעם קינד וואס שרייבט שיין, עס קוקט אויס ווי א גוטע זאך, אבער נישט אלץ איז דאס שרייבן שיין א מעלה, אמאל איז דאס גאר א חסרון, אסאך מאל קומט דאס מיט נערוון. עס איז נישט געפערליך צו שרייבן פשוט...], און דער קינד וואס קושט אלץ די מזוזה, מוז באקומען גוטע ווערטער פאר'ן קושן די מזוזה. יעדעס קינד דארף באקומען עפעס גוטע ווערטער, וואורעמקייט, נשמה און הארץ.

### דער אויפטו פון גוטע ווערטער

דאס איז אויך דער ארבעט פונעם מנהל און מנהלת, צו געבן גוטע ווערטער פאר די מלמדים און לערערינס. מיט איין גוט וואורט, מיט איין שמייכל קען מען טוישן א גאנצע מענטש.

מבשרי אחזה אלו-ה (איוב יט, כו), די לערערינס קענען דאס אליינס זען ביי זיך; א פרוי ארבעט ביטער שווער אינדערהיים, זי וואשט, זי מאכט וועש, זי קאכט, און דער מאן קומט אהיים און זאגט איר: **"וואוו! שכוח", "דו ביסט אזוי געלונגען", "דו ביסט אזוי גוט צו מיר", "איך דאנק דיר פאר'ן מאכן אזא שיינע ארבעט"**, - מען באקומט פרישע כוחות, מען קען ווייטער טון און ווייטער מאכן.

נאך מיין חתונה האב איך דאס נישט געוואוסט, איך האב געזען ווי מיין ווייב ארבעט זייער שווער אינדערהיים, האב איך זיך אראפ געלייגט אויף דער ערד און אויפגעוואשן, ווען איך בין געקומען צו מוהרא"ש האב איך פארשטאנען אז מען דארף זיך נישט אראפ לייגן אויף דער ערד, דער עיקר איז דער געפיל וואס מען געבט, מען זאגט ווי שיין און זויבער די הויז איז וכדומה, דאס געבט פרישע כחות פאר א פרוי זי זאל קענען ווייטער טון וואס זי טוט.

דאס זעלבע איז מיט יעדער מענטש. ובפרט קינדער, אז א קינד פילט אז זיין רבי' האט אים ליב, ער שעצט וואס ער טוט, ווערט ער זאט, דאס מאכט ער זאל וועלן ווייטער זיין וואויל.

### פארזעצונג קומט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף

■ קומענדיגע וואך

## ווִי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען דִי קִינְדֶער וֶוען עֶס פְלִיעֶן רַאקֶעטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע שִׁיעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ ווּאוֹין אִין דָרוֹם אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וואוּ עֶס פְלִיעֶן אַסַאךְ מָאל אַרַיין רַאקֶעטְן פוּן דִי אַרַאבֶּער, אוּן מֶען דַארְף לוֹיפְן זִיךְ בַּאשִׁיצְן. דִי קִינְדֶער וֶוערְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פַאר דֶעם, זֵיי הוֹיבְּן אָן פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט דָאס פַאר אוּנְז, אוּן דָאס גְלַייכְן. ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַזֵק דִי קִינְדֶער? ווִי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען זֵיי? אוּן ווִי אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אִין זֵיי אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען עֶס פְלִיעֶן רַאקֶעטְן פוּן דִי אַרַאבֶּער דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט צוּ בַּארוּאִיגְן קִינְדֶער וְכוּ׳; דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין זִיךְ אוּן אִין דִי שְׁטוּבּ, אִיז דוּרְךְ רֶעדְן כְּסֵדֶר פוּן אֱמוּנָה. נָאךְ בֶּעפָאר עֶס פְלִיעֶן דִי רַאקֶעטְן וְכוּ׳, וֶוען עֶס אִיז אַלֶעס גוּט, אוּן אַלֶעס אִיז אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַיינְפְלַאנְצְן אֱמוּנָה, נָאכְדֶעם וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ הָאט מֶען כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מד): ״הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם״, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): ״אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי״, דָוִד הַמֶלֶךְ זָאגְט, מִיט מַיין מוֹיל דֶערְצֵייל אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אִיז דָאס אַלֵיינְס אֱמוּנָה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען קֶען נָאר זָאל מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען פְרֶעגְט דִיר: ״וֶועסְט קוּמֶען הַיינְט נַאכְט?״ עֶנְטְפֶער נִישְׁט: ״יָא״, נָאר עֶנְטְפֶער: ״מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף״; מֶען פְרֶעגְט דִיר: ״וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס הֶערְט זִיךְ?״ עֶנְטְפֶער נִישְׁט: ״גוּט״, עֶנְטְפֶער: ״בָּרוּךְ הַשֵׁם, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״, דָאס גֵייט אַרַיין צוּבִּיסְלִיךְ אִין זִיךְ, אִין דִי וַוייבּ אוּן אִין דִי קִינְדֶער, אַזוֹי פַאלְט אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים אוּן אַלֶע שְׁרֶעק.

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג אוּן קְלֵיינְטְשִׁיג אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. וַוארְט נִישְׁט זֵיי זָאלְן עֶלְטֶער וֶוערְן; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, מֶען מֵיינְט אַז חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער, מֶען שְׁפִּירְט נַארִישׁ צוּ רֶעדְן צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה וְכוּ׳; עֶס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי, אַזוֹי ווִי מִיר וֵוייסְן דִי מַעֲשֶׂה אַז רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ לַאנְגֶע שְׁמוּעֶס מִיט אַ קִינְד, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן פַארְוָואס עֶר פַארְבְּרֶענְגְט צַייט מִיט אַ קִינְד, הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן צוּפְלַאמְט אוּן גֶעזָאגְט מִיט אַ נִיגוּן: ״אָט אִיז מֶען אַ קִינְד, אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר, אָט אִיז מֶען אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן אָט פִירְט מֶען שׁוֹין צוּ דִי קְבוּרָה״; ווִי אֵיינֶער זָאגְט, ׳וָואס זָאגְסְטוּ עֶר אִיז אַ קִינְד, אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען צַייט מִיט אִים, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ דְרֵיי אוּן מֶען אִיז שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד׳, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא קַמָּא צז:): ״מַטְבֵּעַ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ - זָקֵן וּזְקֵנָה מִצַּד אֶחָד, וּבָחוּר וּבְתוּלָה מִצַּד אַחֵר״, אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט אַ מַטְבֵּעַ וָואס פוּן אֵיין זַייט אִיז גֶעוֶוען אַ בִּילְד פוּן אַ אִינְגְל מִיט אַ מֵיידְל אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז גֶעוֶוען אַ בִּילְד פוּן אַן אַלְטֶער אִיד מִיט אַ אַלְטֶע אִידֶענֶע; מוֹהַרְשָׁ״א זָאגְט אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט דִי מַחְשָׁבָה: ׳אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר אוּן אָט אִיז מֶען שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד, אָט אִיז מֶען אַ מֵיידְל אוּן אָט אִיז מֶען אַן אַלְטֶע אִידֶענֶע׳.

אַז מֶען ווִיל פּוֹעֶל׳ן בַּיי קִינְדֶער דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ זֵיי וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס זֵיי זֶענֶען נָאךְ רֵיין, דֶעמָאלְט וֶוערְט אַרַיין גֶעקְרִיצְט דִי אֱמוּנָה אִין זֵיי, שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן קוּמְט אַרוֹיס זֵייעֶר אֱמוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יִרְמְיָהוּ יז, ז-ח): ״בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה׳ וְהָיָה ה׳ מִבְטַחוֹ״, ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, ״וְהָיָה כְּעֵץ שָׁתוּל עַל מַיִם״, דֶער אִיז גְלַייךְ צוּ אַ בּוֹים וָואס אִיז אַיינְגֶעפְלַאנְצְט נֶעבְּן וַואסֶער, ״וְעַל יוּבַל יְשַׁלַּח שָׁרָשָׁיו״, עֶר אִיז ווִי אַ בּוֹים וָואס דִי וָוארְצְלֶען זֶענֶען אַיינְגֶעטִינְקֶען אִין וַואסֶער, ״וְלֹא יִרְאֶה כִּי יָבֹא חֹם״, עֶס וֶועט אִים נִישְׁט שָׁאטְן קַיין הֵייסֶע טֶעג, ״וְהָיָה עָלֵהוּ רַעֲנָן״, דִי בְּלֶעטֶער הַאלְטְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְרִישׁ, ״וּבִשְׁנַת בַּצֹּרֶת לֹא יִדְאָג״, וֶוען עֶס אִיז דָא אַ טְרִיקֶענִישׁ וֶועט עֶר נִישְׁט זָארְגְן, ״וְלֹא יָמִישׁ מֵעֲשׂוֹת פֶּרִי״, עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְגֶעבְּן פֵיינֶע פְרוּכְט, אַזוֹי אִיז דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אוּן פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גָארְנִישְׁט וֶועט אִים נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אוּן פְלַאנְצְט דָאס אַיין אִין זַיינֶע קִינְדֶער, וֶועט עֶר זֶען שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת בא, תש״פ)

## ווִי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט אִיךְ מַיינֶע גְרוֹיסֶע פְּחָדִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ ווּאוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן יֶעצְט אִיז דָא דָא אַ גֶעפֶערְלִיכֶע פַּחַד, עֶס הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ פְלִיעֶן רַאקֶעטְן, אוּן מֶען דַארְף כְּסֵדֶר לוֹיפְן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין שׁוּץ פְלֶעצֶער, אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ הָאבּ אַלֶץ גֶעלִיטְן פוּן פְּחָדִים, אָבֶּער יֶעצְט אִיז עֶס גֶעוָוארְן פִיל שְׁוֶוערֶער, אִיךְ קֶען מַמָשׁ נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר צוּם גוּטְן, אָבֶּער אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ פוּל מִיט פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דֵיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק וֶוען מֶען הֶערְט דִי פַּייפֶּערְס פַּייפְן אוּן מֶען הֶערְט ווִי עֶס פְלִיעֶן בָּאמְבֶּעס, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג; מִיר אִין אַמֶעריקֶע וַוארְפְן זִיךְ פַאר שְׁרֶעק פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נַייעֶס אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִיר דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן פַאר אַלֶע אִידְן זֵיי זָאלְן

<<<

זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אֲפִילוּ פַאר דִי וָואס הֶערְן נִישְׁט קַיין נַייעֶס; אַז מֶען הֶערְט דִי פַּייפֶערְס פַּייפְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, עֶס פְלִיעֶן הוּנְדֶערְטֶער רַאקֶעטְן, מֶען דַארְף לוֹיפְן מִיט דִי קִינְדֶער אִין דִי בּוּנְקֶערְס – דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ קֶען דִיר שְׁרַייבְּן וָואס אִיךְ טוּ וֶוען אִיךְ וֶוער דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ הֵייבּ אָן חַזֶר׳ן מִיט מַיין מוֹיל אֱמוּנָה, אִיךְ זָאג צוּ מִיר הוֹיךְ אוֹיפְ׳ן קוֹל: ״אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גָארְנִישְׁט קֶען פַּאסִירְן מִיט מִיר נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט גוּטְס טוּן, נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט״; דִי וֶוערְטֶער בַּארוּאִיגְן מִיר, אוּן אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט אוּן דִי פְּחָדִים לוֹיפְן מִיר נָאךְ, זָאג אִיךְ נָאכְאַמָאל דִי וֶוערְטֶער: ״קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, עֶס קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן מִיט מִיר קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר״, דִי וֶוערְטֶער בַּארוּאִיגְן מִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת בהעלותך, תשפ״א)

## ווִי אַזוֹי רֶעד אִיךְ צוּ דִי קִינְדֶער אִיבֶּער דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טֶערָאר אַטַאקֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָ׳ צוּ פִירְן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אַן עֵצָה אִיבֶּער דִי לֶעצְטִיגֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע טֶערָאר אַטַאקֶע וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם, ווִי דְרֵיי אִידִישֶׁע קָרְבָּנוֹת זֶענֶען לֵיידֶער אַוֶועקְגֶערִיסְן גֶעוָוארְן פוּן אוּנְז, הַשֵׁם יִנְקֹם דָמָם. דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר צֶעשׁוֹידֶערְט פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר זֵיי דָאס צוּ פַארְנֶעמֶען, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א מִיר מְיַיעֵץ זַיין ווִי אַזוֹי אוּן וִויפִיל צוּ רֶעדְן מִיט זֵיי דֶערְוֶועגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל מֶער נִישְׁט הֶערְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע בְּשׂוֹרוֹת, אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה בִּמְהֵרָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל״ז שׁוֹבָבִי״ם, כ״ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווַאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְנַהֵל אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה. זַיין אַ מְנַהֵל אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב, דֶער מְנַהֵל אִיז נוֹטֵל שְׂכַר כְּנֶגֶד כּוּלָם וַוייל עֶר אִיז מְחַזֵק דִי מְלַמְדִים מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר זֶעט אַלֶעס זָאל זִיךְ פִירְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין; אַלֶעס וָואס דִי מְלַמְדִים לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן גַן עֵדֶן, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן. אַז דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן אוּן אִינְטֶערֶעסִירְן זִיךְ נָאךְ אַ טְרַאגֶעדְיֶע: ׳וָואס אִיז גֶעשֶׁעְן?׳ זֵיי פְרֶעגְן כָּל מִינֵי קַשְׁיוֹת: ׳ווָאוּ אִיז דֶער קִינְד וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן?׳ ׳וָואס אִיז יֶעצְט מִיט אִים?׳ דִי אַלֶע סָארְט קַשְׁיוֹת וָואס קִינְדֶער פְרֶעגְן – זָאלְסְטוּ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן, נָאר זָאגְן: ״אַ אִיד הָאט צְוֵויי וֶועלְטְן, דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, אוּן וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט – גֵייט מֶען אִין גַן עֵדֶן, אוּן ווִי גוּט אוּן ווִי שֵׁיין אִיז פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעהִיטְן דִי תּוֹרָה – אוֹיבְן אִין הִימְל, דִי נְשָׁמָה גֵייט אִין גַן עֵדֶן אוּן הָאט דָארְט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן״; רֶעד מִיט בַּאק צֵיין, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי וֶוערְן רוּאִיג.

נָאר אֱמוּנָה בַּארוּאִיגְט, דִי אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶעטָאדְן וָואס קוּמֶען פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם – אִיז אַלֶעס פַאנְטַאזִיעֶס אוּן עֶס בַּארוּאִיגְט נִישְׁט. נֶעבֶּעךְ פַאר דִי וָואס גֵייעֶן צוּ מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ הֶעלְפֶערְס, אָדֶער נֶעמֶען דִי קִינְדֶער צוּ טִפּוּלִים וְכַדוֹמֶה, מֶען וֶוערְט דָארְט מֶער צֶעדְרֵייט. דֶער בָּשָׂר וָדָם זָאגְט: ״יֶעצְט אָטֶעם אַרַיין אוּן יֶעצְט אָטֶעם אַרוֹיס״, ״יֶעצְט פְּרוּבִּיר צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי שְׁרֶעק״, אוּן ״יֶעצְט טְרַאכְט ווִי דִי שְׁרֶעק נֶעמְט דִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער״, ״יֶעצְט שְׁרֵיי״ וְכַדוֹמֶה; דִי זַאכְן אִיז פַאר אוּמוֹת הָעוֹלָם, אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אֱמוּנָה, אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן נָאךְ אַ וֶועלְט, אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ זַיין דֶערְשְׁרָאקְן.

אַזוֹי פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טוּן וֶוען עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זֵיי זָאגְן זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פוּן שְׁטַארְבְּן (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תמה): ״מַה לָּכֶם לִדְאֹג מִן הַמִּיתָה?״, וָואס זָארְגְט אִיר זִיךְ פוּן שְׁטַארְבְּן? ״הֲלֹא שָׁם הוּא עוֹלָם נָאֶה בְּיוֹתֵר מִכָּאן״, אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז פִיל אַ שֶׁענֶערֶע וֶועלְט ווִי דָא.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ, זַיי מְחַזֵק דִי מְלַמְדִים. דֶער עִיקָר אַרְבֶּעט פוּנֶעם מְנַהֵל דַארְף זַיין גֶעבְּן יֶעדְן טָאג אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶעדְן מְלַמֵד בַּאזוּנְדֶער, נִישְׁט נָאר וֶוען עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס צוּ קְרִיטִיקִירְן דֶעמָאלְט נֶעמְט מֶען אַפִּיר דֶעם מְלַמֵד, נָאר יֶעדְן טָאג גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרִי נָשֹׂא, פִּיסְקָא א): ״אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לִמְחוּזָּקִין״; מֶען דַארְף מְחַזֵק זַיין דִי וָואס גֶעבְּן חִיזוּק; דִי מְלַמְדִים אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער, דַארְף מֶען זֵיי מְחַזֵק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קוּנְטְרֵס 092 פַּרְשַׁת תְּרוּמָה תשפ״ג)

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט״א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876